וואס "יבשה הארץ" (כפירוש הפנימי שבזה, כנ"ל סל"ז), און "אכשור דרי (בתמי׳)"[175], דארף מען אנקומען צו א תוספת אור.

מ. און דעמולט האט מען דעם ציווי (צוזאמען מיטן זכות און נתינת כח) אז עס זאל זיין דער "צא מן התיבה", אויף צו אויפטאן אין וועלט,

וואס דורך דערויף נעמט מען איין די וועלט, און מ׳פועל׳ט אין וועלט דעם ענין פון "לא ישבותו", דורך דעם וואס מ׳פועל׳ט אז מ׳זאל אין איר זעהן דעם "אני ה׳ לא שניתי".

וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך דעם כריתת ברית פון נח, ביז אין אן אופן אז מ׳זעט אין דערויף די אהבה פנימית ועצמית (ווי דערמאנט פריער (סכ"ז)).

און דאס ברענגט דערנאך דעם כריתת ברית פון אברהם, און דעם כריהת ברית פון משה - וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין התשובה, כמובן פון פשטות הענינים אז דאס איז געווען פארבונדן מיט די י"ג מדה"ר, כדי אז עס זאל זיין דער "וסלחת לעוננו"[176], עאכו"כ ווי דאס איז לויט פנימיות הענינים[177].

און דער ענין התשובה ברענגט אראפ דעם "מיד הן נגאלין"[178], בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס "משיח אתא לאתבא צדיקייא בתיובתא"[179], און דעמולט וועט זיין דער ענין פון "מי נח" (למעליותא)[180] אין אן אופן פון "כמים לים מכסים", במהרה בימינו ממש.

* * *

מא. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה ויהי הוא טרם כלה לדבר גו׳.

* * *

מב. מ׳איז דאך געבליבן שולדיק פון דער פריערדיקער התוועדות דעם ביאור אין פרש"י אין פ׳ וירא, און אויך בנוגע צו די הערות פון טאטן אויפן זהר פון פ׳ וירא.

אבער אזוי ווי מ׳האלט דאך איצטער אין פ׳ חיי שרה, וואס זי האט זיך איר פרש"י, און אירע הערות אויפן זהר -

- וועט -

------------

175) יבמות לט, ב ובפרש"י. 176) תשא לד, ט. 177) ראה בהנסמן בקונטרס "ויעקב הלך לדרכו" ע׳ 8 הע׳ 49.
178) רמב"ם הל׳ תשובה פ"ז ה"ה. 179) הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. ובכ"מ. וראה זח"ג קנג, ב.
180) ישעי׳ נד, ט. וראה תו"א נח ח, סע"ג ואילך. ובכ"מ.



הנחה הת׳ בלתי מוגה

וועט מען פריער מבאר זיין א פרש"י און אן ענין אין די הערות אויפן זהר וואס זיינען פארבונדן מיט פ׳ חיי שרה, און ערשט דערנאך וועט מען משלים זיין די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט פ׳ וירא,

[ע"ד ווי דער דין איז בנוגע צו תשלומין פון תפלה וכיו"ב, אז פריער דארף זיין די תפלת חובה, און ערשט דערנאך קומט די תפלת תשלומין[181].]

מג. אין היינטיקע סדרה געפינט מען אן ענין וואס לכאורה האט דאס רש"י געדארפט מבאר זיין (וויבאלד אז דאס איז א קושיא וואס איז ניט פארשטאנדיק אין פשש"מ), און אעפ"כ געפינט מען ניט (לכאורה) אז רש"י זאל עס מבאר זיין:

אין אנהויב פ׳ חיי שרה שטעלט זיך רש"י אויפן פסוק "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", און זאגט: "לכך נכתב שנה בכל כלל וכלל לומר לך שכל אחד נדרש לעצמו, בת ק׳ כבת כ׳ לחטא, מה בת כ׳ לא חטאה שהרי אינה בת עונשין, אף בת ק׳ בלא חטא, ובת כ׳ כבת ז׳ ליופי".

איז ידוע די קושיא וואס דער רמב"ן[182] פרעגט אויף דערויף: בא ישמעאל שטייט אויך "ואלה שני חיי ישמעאל מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים"[183] - און אעפ"כ געפינט מען ניט אז דערפון זאל זיין א לימוד ע"ד ווי בא שרה׳ן?!

וואס מצד דער קושיא זאגט דער רמב"ן אויף פרש"י אז "אין מדרשו זה נכון", און אין מפרשי רש"י[184] איז דא א גאנצע שקו"ט אויף צו מבאר זיין פרש"י, און מ׳זאגט אויף דערויף כו"כ תירוצים;

מ׳האט אבער גערעדט כמ"פ אז וויבאלד רש"י לערנט פשש"מ מיט א בן חמש למקרא, ווי רש"י[185] זאגט "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא" - דארפן אלע ענינים פון פרש"י זיין פאר־שטאנדיק בפשטות, אזוי אז מ׳זאל ניט דארפן אנקומען צו קיין שקו"ט און פלפול אין דברי רש"י,

ובפרט אז א טייל פון דער שקו"ט איז פארבונדן מיט ענינים וועלכע דער בן חמש למקרא, האט נאך ניט געלערנט, ובמילא איז עס ניט מתאים מיט פשוטו של מקרא.

מד. עד"ז איז דא נאך אן ענין אין פרש"י וואס איז ניט פארשטאנדיק:

- בנוגע -

---

181) טושו"ע (ואדה"ז) או"ח ר"ס קח. 182) עה"פ.
183) פרשתנו כה, יז. 184) רא"ם וגו"א עה"פ. 185) עה"פ בראשית ג, ח.

בנוגע צו אברהם אבינו שטייט אויך[186] "ואלה ימי שני חיי אברהם אשר חי מאה שנה ושבעים שנה וחמש שנים" - שטעלט זיך רש"י אויף דעם, און זאגט: "בן ק׳ כבן ע׳ ובן ע׳ כבן ה׳ בלא חטא".

ווען מ׳פארגלייכט דאס אבער מיט פרש"י בנוגע צו שרה, זעט מען אז אין דערויף איז דא א שינוי:

בנוגע צו שרה זאגט רש"י אז "כל אחד נדרש לעצמו", ד.ה. אז אין דערויף זיינען דא צוויי ענינים: "בת ק׳ כבת כ׳ לחטא", און "בת כ׳ כבת ז׳ ליופי"; משא"כ בנוגע צו אברהם זאגט רש"י מערניט ווי איין ענין - "בן ק׳ כבן ע׳ ובן ע׳ כבן ה׳ בלא חטא".

איז ניט פארשטאנדיק: לויט דעם וואס רש"י זאגט בנוגע צו שרה אז "כל אחד ("שנה") נדרש לעצמו", דארף מען געפינען בנוגע צו אברהם נאך אן ענין, אויסער "בן ע׳ כבן ה׳ בלא חטא"?

וכפי שיתבאר לקמן.

מה. אין די הערות אויפן זהר פון פ׳ חיי שרה, שטעלט ער זיך[187] אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר[188] "כד אסתכל דוד ברוחא דהכמתא וידע כמה פליאן נפקין מאורייתא, פתח ואמר גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך[189], תא חזי ויהי הוא טרם כלה לדבר והנה רבקה יוצאת"[190], און ער איז מבאר די ענינים ווי זיי זיינען ע"פ קבלה.

ער איז אבער ניט מבאר וואס איז דער קשר בפשטות הענינים פון "ויהי הוא טרם כלה לדבר והנה רבקה יוצאת" מיט דעם ענין פון נפלאות שבתורה ("כמה פליאן נפקין מאורייתא") און רזי תורה.

וכפי שיתבאר לקמן.

מו. הביאורים (בפרש"י, בלקוטי לוי"צ, ובלקו"ש השבועי) בהמשך להההתוועדות דש"פ וירא - יצאו לאור בקונטרס בפ"ע.

מז. דער ביאור אין דעם וואס דער זהר פארבינדט דעם ענין פון נפלאות שבתורה מיט "ויהי הוא טרם כלה לדבר והנה רבקה יוצאת":

אין המשך הפסוקים שטייט "ותרד העינה ותמלא כדה

- ותעל" -

------------

186) פרשתנו כה, ז. 187) לקוטי לוי"צ לזח"א ע׳ פב. 188) ח"א קלב, א. 189) תהלים קיט, יח. 190) פרשתנו כד, טו.

התשובה איז מען מהפך דעם גאנצן עבר, אז ס'זאל זיין ווי עס דארף צו זיין.

און ס'זאל זיין "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר"[201], "אורה זו תורה, שמחה זה יו"ט, ששון זו מילה, ויקר אלו תפילין"[202],

[וואס דער ענין פון "ויקר אלו תפילין" איז פארבונדן מיט אברהם אבינו - וויבאלד אז ער האט געזאגט "מחוט ועד שרוך נעל"[203], וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון ציצית און תפילין[204], כמבואר בארוכה אין לקוטי לוי"צ[205]],

ווי מ'האט ערשט געזאגט אין הבדלה "כך תהי' לנו" - למטה מעשרה טפחים, ווי די ענינים זיינען ע"פ פשש"מ, און דערנאך אויך צוזאמען מיט אלע דרשות חז"ל שבזה,

ביז אז ס'וועט זיין דער "מסמך גאולה לגאולה"[206] - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

מט. דער ביאור אין פירוש רש"י:

רש"י דארף ניט באווארענען קושית הרמב"ן (וואס לערנט מען אף דערפון וואס עס שטייט "ואלה שני חיי ישמעאל מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים") - ווארום ער באווארענט די קושיא דערמיט וואס ער זאגט "למה נמנו שנותיו של ישמעאל, כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב".

והביאור בזה:

בשעת דער פסוק קומט צו זאגן דעם מספר השנים וואס שרה האט געלעבט, און זאגט דערביי אז ס'איז געווען "מאה <u>שנה</u> ועשרים <u>שנה</u> ושבע <u>שנים</u>", איז פארשטאנדיק, אז אין דערויף איז דא א לימוד מיוחד בנוגע צו דער מעלה פון שרה.

ועד"ז ווען דער פסוק קומט צו זאגן דעם מספר השנים וואס אברהם האט געלעבט, "מאת <u>שנה</u> ושבעים <u>שנה</u> וחמש שנים" - איז אין דערויף דא א לימוד מיוחד בנוגע צו דער מעלה פון אברהם.

ווען מ'קומט אבער צו "ואלה שני חיי ישמעאל" - זאגט רש"י "<u>למה</u> נמנו שנותיו של ישמעאל", ד.ה. אז בעצם וואלט מען גארניט געדארפט אויסרעכענען שנותיו של ישמעאל, און דער טעם פארוואס דער פסוק דערציילט וויפל זיינען געווען

- שנותיו -

------------

201) אסתר ח, טז. 202) מגילה טז, ב. 203) לך לך יד, כג. 204) סוטה יז, א. 205) לזח"א ע' צו. 206) מגילה ו, סע"ב.

שנותיו של ישמעאל איז מערניט "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב" (אז מ'זאל וויסן אז "שמש יעקב בבית עבר י"ד שנה כו'"),

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דערמיט איז דער פסוק נים אויסן צו זאגן א מעלה מיוחדת בנוגע צו ישמעאל (וויבאלד אז מנין שנותיו איז גאר צוליב יעקב'ן), און דערפאר איז דא ניטא דער לימוד וואס מ'געפינט בנוגע צו אברהם ושרה.

נ. עס בלייבט אבער די שאלה: פארוואס שטייט טאקע בא ישמעאל'ן "מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים"?

איז דער ביאור בזה:

נוסף לזה וואס מ'רעכנט אויס שנותיו של ישמעאל "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב", וואס דערפון ווייסט מען אז שנותיו של ישמעאל האבן ניט קיין באטרעף לגבי שנותיו של יעקב -

איז דער פסוק מדגיש בא שנותיו של ישמעאל "מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים", ד.ה. אז ניט נאר כללות שני חיי ישמעאל האבן ניט קיין באטרעף לגבי שנותיו של יעקב, נאר אויך די מעלות פרטיות פון ישמעאל וועלכע זיינען פארבונדן מיט "מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים", האבן אויך ניט קיין באטרעף לגבי די ענינים ווי זיי זיינען געווען בא יעקב'ן.

און וואס זיינען די ענינים און מעלות פרטיות וואס זיינען פארבונדן מיט "מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים" (אויף וועלכע מ'איז מדגיש אז זיי האבן ניט קיין באטרעף לגבי די מעלות ווי זיי זיינען געווען בא יעקב'ן) - דארף רש"י ניט באווארענען, וויבאלד אז דאס איז פארשטאנדיק פון פרש"י, כדלקמן.

נא. והביאור בזה:

אויפן פסוק[207] "ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו", זאגט רש"י: "מכאן שעשה ישמעאל תשובה והוליך את יצחק לפניו, והיא שיבה טובה שנאמר באברהם"[208].

און דער בן חמש למקרא ווייסט ווי אלט איז ישמעאל געווען ווען אברהם אבינו האט זיך געפעלט - ווארום ער האט געלערנט אז ווען ישמעאל איז געבארן געווארן, איז אברהם געווען "בן שמונים שנה ושש שנים"[209], און בשעת ישמעאל איז

- געווען -

---

207) פרשתנו כה, ט. 208) לך לך טו, טו. 209) שם טז, טז.



הנחת הת' בלתי מוגה

געווען בן י"ג שנה (בעת המילה), איז אברהם אבינו געווען "בן תשעים ותשע שנה"[210] - פארשטייט דער בן חמש למקרא אז ווען אברהם אבינו האט זיך געפעלט (ווען ער איז געווען אלט "מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים"), איז ישמעאל געווען אלט קרוב צו מאה שנה.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער שינוי צווישן ישמעאל'ס מעמד ומצב זייענדיק בן מאה שנה לגבי זיין מעמד ומצב זייענדיק בן שלשים שנה ("מאת שנה" לגבי "שלשים שנה") איז - אז זייענדיק בן "מאת שנה" איז ער שוין געווען א בע"ת.

און אויף דערויף איז מען מדגיש אז אויך ווי ישמעאל איז געשטאנען במעמדו ומצבו זייענדיק אלט "מאת שנה", נאך דערויף וואס "עשה ישמעאל תשובה" [ביז אז ביי אים שטייט "ויגוע" - וואס "לא נאמרה גויעה אלא בצדיקים"[211]] - האט ער אויך ניט קיין באטרעף לגבי יעקב,

ביז אז "למה נמנו שנותיו של ישמעאל", כולל אויך דעם פרט פון "מאה שנה" (אלס אן עניין בפ"ע) - ניט דערפאר וואס ער איז א מציאות בפ"ע, נאר מערניט "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב", וויבאלד אז אויך במעמדו ומצבו זייענדיק אלט "מאת שנה", נאך דערויף וואס ער איז געווארן א בעל תשובה, האט ער נאך אלץ ניט קיין באטרעף לגבי יעקב'ן.

נב. עד"ז בנוגע צו "שלשים שנה":

דער בן חמש למקרא האט שוין געלערנט אז ישמעאל איז געווען א "פרא אדם ידו בכל ויד כל בו"[212], און אע"פ אז ס'איז געווען "יד כל בו", איז ניט דער טייטש אז מ'האט אים צודיבן און פון אים איז גארניט געווארן, נאר אדרבה, ער איז געווען גרויס און שטארק - "ועל פני כל אחיו ישכון"[213], ביז ווי עס שטייט[214] "ולישמעאל שמעתיך הנה ברכתי אותו ז והפריתי אותו והרביתי אותו במאד מאד גו' ונתתיו לגוי גדול".

איז בשעת מ'גיט א פרעג ביי א בן חמש למקרא: ווען איז דער זמן וואס א מענטש איז שטארק -

איז אפילו אויב ער ווייסט נאך ניט דעם מאמר המשנה[215] אז "בן שלשים לכח", ווייסט ער אבער אז ווען א מענטש איז אלט "שלשים שנה", איז ער שטארקער לגבי דעם זמן ווען ער איז אלט "מאה שנה".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער עניין המיוחד

- וואס -

---

210) שם יז, כד-כה. 211) פרשתנו שם, יז. 212) פרש"י עה"פ. 213) לך לך טז, יב. 214) שם יז, כ. 215) אבות ספ"ה.

וואס איז געווען בא ישמעאל׳ן זייענדיק אלט "שלשים שנה", איז געווען דער ענין הגבורה.

און אויף דערויף זאגט מען אז אויך בנוגע צו דעם ענין הגבורה (דער מעמד ומצב פון ישמעאל׳ן זייענדיק אלט "שלשים שנה") האט ער ניט קיין באטרעף לגבי יעקב׳ן, ביז אז "למה נמנו שנותיו של ישמעאל" (אויך דער פרט פון "שלשים שנה", אלס אן ענין בפ"ע) - מערניט "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב", וויבאלד אז ער האט ניט קיין באטרעף לגבי יעקב׳ן (אויך אין דעם ענין הגבורה - "שלשים שנה").

נג. אויף דערויף קען מען אבער פרעגן: וואס איז עס פאר א מעלה זאגן אויף יעקב׳ן אז ער איז געווען א גבור, ביז אז אויך אין דעם ענין הגבורה האט ישמעאל קיין באטרעף ניט לגבי אים?!

געפינט מען אבער אין פ׳ ויצא אז מ׳איז מפליא די גבורה פון יעקב׳ן:

אויפן פסוק[216] "ויגש יעקב ויגל את האבן מעל פי הבאר", זאגט רש"י: "כמי שמעביר את הפקק מעל פי צלוחית, להודיעך שכחו גדול" - וואָרום דער סדר איז געווען אז "ונאספו שמה כל העדרים וגללו את האבן מעל פי הבאר"[217], ("רגילים היו להאסף לפי שהיתה האבן גדולה"[218]), און אעפ"כ האט דאס יעקב אליין געטאן בקלות, "כמי שמעביר את הפקק מעל פי צלוחית".

וואס דערפון זעט מען דאך אז עס איז דא אן עילוי אין דעם ענין הגבורה וואס איז געווען בא יעקב׳ן, ביז אז רש"י איז מדגיש צום בן חמש למקרא "להודיעך שכחו גדול".

און אע"פ אז דער בן חמש למקרא האט נאך ניט געלערנט פ׳ ויצא - זיינען אבער דא ענינים אויף וועלכע מ׳דארף ניט אנקומען צו קיין ראי׳ פון א פסוק, ווי מ׳געפינט אין גמרא בכ"מ[219] אז בשעת ס׳איז דא א סברא, פרעגט מען "קרא למה לי", ועד"ז בנדו"ד:

דער בן חמש למקרא איז דאך מתפלל בכל יום, און ער הערט ווי זיין פאטער איז מתפלל - זעט ער אז אין דער תפלה בעט מען אויף בני און חיי, אויף בריאות וכיו"ב, ובפרט אז מ׳זאגט אים אן "ונשמרתם מאד לנפשותיכם"[220], אז מ׳דארף זיין געזונט כדי אז מ׳זאל קענען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות - ווייסט ער אז א געזונטער גוף איז אן ענין של מעלה.

- ונוסף -

---

216) ויצא כט, י. 217) שם, ג. 218) פרש"י עה"פ.
219) כתובות כב, א. וש"נ. 220) ואתחנן ד, טו. ברכות לב, סע"ב.



הנחת הת׳ בלתי מוגה

ונוסף לזה - האט ער דאך געלערנט פריער וועגן די ברכות וואס דער אויבערשטער האט געגעבן צו אברהם אבינו, און דערנאך צו יצחק אבינו, וואס "אין מקרא יוצא מידי פשוטו"[221], אז דאס זיינען ברכות אויף ענינים גשמיים כפשוטם, וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו כח הגוף.

ובפרט אז ער האט שוין געלערנט אין פ' בראשית[222] דעם ציווי "פרו׳ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל חי' הרומשת על הארץ", ד.ה. אז דער מענטש דארף זיין דער מושל ושולט אויף אלע חיות ובהמות און אויף דער גאנצער וועלט, איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז צוליב דערויף דארף מען אנקומען צו אן ענין של גבורה כפשוטה.

ועפ״ז איז פארשטאנדיק אז מ׳דארף ניטווארטן ביז וואנעט דער בן חמש למקרא וועט לערנען פ' ויצא, וואס דעמולט וועט ער וויסן אז ס׳איז דא א מעלה אין דעם ענין פון גבורה, נאר ער פארשטייט דאס בפשטות אויך לפנ"ז.

נד. עד"ז בנוגע צו "שבע שנים":

רש"י דארף ניט מבאר זיין וואס איז די מעלה פון "שבע שנים", וויבאלד אז עס איז פארשטאנדיק דערפון וואס ער טייטשט אפ בנוגע צו שני חיי אברהם, אז ער איז געווען "בן ק' כבן ע' ובן ע' כבן ה' בלא חטא" - וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו "שבע שנים", אז וויבאלד ער איז נאך א קטן, איז ביי אים ניטא קיין ענין של חטא.

און אויף דערויף זאגט מען אז אויך דער פרט פון "שבע שנים" וואס עס שטייט בא שנותיו של ישמעאל, איז מערניט "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב":

מ׳וואלט געקענט מיינען אז ווען ישמעאל איז געווען בן "שבע שנים", וואס דעמולט איז ער ניט געווען שייך צו קיין חטא - איז ניט שייך צו זאגן אז אין דעם מעמד ומצב האט ער ניט קיין באטרעף לגבי יעקב׳ן, ביז אז די גאנצע זאך וואס מ׳ברענגט מספר שנותיו (אויך "שבע שנים"), איז מערניט "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב" -

זאגט דער פסוק אז ישמעאל האט קיין באטרעף ניט לגבי יעקב׳ן, ביז אז אפילו ווי ישמעאל איז געשטאנען אין דעם מעמד ומצב אז ער האט ניט געהאט קיין שייכות צו קיין חטא (זייענדיק אלט "שבע שנים"), האט ער אויך ניט קיין באטרעף לגבי מעמדו ומצבו של יעקב זייענדיק בן "שבע שנים".

- ביז -

------------

221) שבת סג, א. וש"נ. 222) א, כח.

ביז אז די גאנצע זאך וואס מ'ברענגט מספר שנותיו של ישמעאל (כולל אויך דעם מספר פון "שבע שנים"), איז מערניט "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב" - דערפאר וואס ישמעאל האט קיין באטרעף ניט לגבי יעקב'ן.

ועפ"ז איז פארשטאנדיק אז רש"י דארף ניט מבאר זיין דאס וואס עס שטייט בא ישמעאל'ן "מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים" - וויבאלד אז רש"י זאגט "למה נמנו שנותיו של ישמעאל, כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב", ד.ה. אז ישמעאל מצ"ע האט ניט קיין ווערד, מערניט "כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב",

און דער ענין איז מודגש בא יעדער מעלה וואס איז פארבונדן מיט די פרטים פון "מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים" (וואס רש"י דארף זיי ניט אויסטייטשן, דערפאר וואס דער בן חמש למקרא פארשטייט דאס בפשטות, כנ"ל בארוכה), אז יעדערע פון זיי האט ניט קיין באטרעף לגבי יעקב'ן.

נה. דער ביאור אין דעם וואס בנוגע צו אברהם אבינו זאגט רש"י "בן ק' כבן ע' ובן ע' כבן ה' בלא חטא", מערניט ווי איין ענין (ניט ווי בא שרה וואס "כל אחד נדרש לעצמו"):

רש"י טייטשט אפ נאר אין וואס עס באשטייט דער ענין פון "בן ע' כבן ה'" - "בלא חטא", דערפאר וואס ביז איצטער האט מען נאך ניט געוואוסט אז אויף "בן ה'" איז שייך צו זאגן די מעלה פון "בלא חטא",

און דערפאר איז נאך דערויף וואס רש"י זאגט אז די מעלה פון "בן ה'" איז אז ער איז "בלא חטא", דארף שוין רש"י ניט באווארענען וואס איז די מעלה פון "שבע שנים" וואס עס שטייט בא ישמעאל, ווארום מ'ווייסט שוין אז די מעלה איז - דאס וואס ער איז "בלא חטא".

עס זיינען דא מפרשים[223] וואס ווילן זאגן אז "שבע שנים" וואס עס שטייט בא ישמעאל איז פארבונדן מיט דעם ענין פון יופי, ע"ד ווי מ'זאגט בנוגע צו שרה "כבת ז' ליופי".

דער פירוש איז אבער ניט אויסגעהאלטן, ווארום דער שבח פון "יופי" איז שייך דוקא בא נשים, און ניט ביי אנשים - וואס דערפאר מוז מען זאגן אז די מעלה פון "שבע שנים" איז - "בלא חטא", ווי רש"י האט געזאגט בנוגע צו "בן ה'" ביי אברהם,

אבער בנוגע צו "בן ק' כבן ע'", דארף רש"י ניט מבאר זיין וואס איז די מעלה פון "בן ע'", וויבאלד אז דער בן

- חמש -

---

223) רא"ם עה"פ.

חמש למקרא פארשטייט דאס דערפון וואס ער האט געלערנט לפנ"ז:

בשעת יצחק איז געבארן געווארן ווען אברהם איז געווען "בן מאת שנה"[224], איז עס געווען א גרויסער פלא - "הלבן מאה שנה יולד"[225], און ווי שרה האט געזאגט[226] "ואדוני זקן" -

אבער בשעת ישמעאל איז געבארן געווארן, וואס דעמולט איז אברהם געווען "בן שמונים שנה ושש שנים", איז קיין פלא ניט געווען אז ער האט געקענט האבן קינדער, ועאכו"כ אז זייענדיק בן שבעים שנה (16 יאר איידער ישמעאל איז געבארן געווארן) האט ער געקענט האבן קינדער.

עפ"ז איז פארשטאנדיק די מעלה פון "בן ק׳ כבן ע׳":

בשעת אברהם איז געווען אלט "מאת שנה", איז אע"פ אז מ׳זאגט אויף אים "ואדוני זקן", איז ער אבער דעמולט געווען "כבן ע׳" לגבי דעם ענין פון הולדת בנים,

ד.ה. אז אזוי ווי זייענדיק "בן ע׳" האט ער געקענט האבן קינדער אן קיינע ספעציעלע ענינים (כמובן דערפון וואס לידת ישמעאל - ווען אברהם איז געווען אלט 86 יאר - איז ניט געווען קיין פלא), איז "בן ק׳ כבן ע׳", אז זייענדיק "בן ק׳" האט ער אויך געקענט האבן קינדער.

נו. והביאור בזה:

עיקר המניעה אויף דעם וואס אברהם ושרה האבן ניט געהאט קיין קינדער (ביז זיי זיינען געווען "זקנים") איז ניט געווען דערפאר וואס "אדוני זקן" (ווי שרה האט געטראכט), נאר דערפאר וואס "אני זקנתי"[227], ד.ה. אז אברהם האט געקענט האבן קינדער, נאר די מניעה איז געווען מצד שרה.

און ווי ס׳איז אויך פארשטאנדיק פון פשטות הכתוב "ואברהם ושרה זקנים באים בימים חדל להיות לשרה אורח כנשים"[228] - דלכאורה: פונקט ווי דער פסוק זאגט א טעם פאר-וואס קען שרה ניט האבן קיין קינדער, האט דער פסוק געדארפט זאגן א טעם אויף דעם וואס אברהם קען ניט האבן קיין קינדער, איז פארוואס שטייט נאר "חדל להיות לשרה אורח כנשים"?

איז ראך דערפון פארשטאנדיק, אז ביי אברהם איז טאקע ניט געווען קיין סיבה ער זאל ניט קענען האבן קיין קינדער, ווארום ער איז געווען "בן ק׳ כבן ע׳", און די מניעה איז געווען נאר מצד שרה.

- און -

------------

224) וירא כא, ה. 225) לך לך יז, יז. 226) וירא יח, יב. 227) שם, יג. 228) שם, יא.

און דאס וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם אבינו "צא מאצטגנינות שלך שראית במזלות שאינך עתיד להעמיד בן"[229] - איז עס נים פארבונדן מיט מספר השנים, נאר דערפאר וואס "ראית במזלות", אז זיין "מזל" איז ער זאל נים האבן קיין בנים.

ועפ"ז איז פארשטאנדיק, אז רש"י דארף נים באווארענען וואס איז די מעלה פון "בן ק' כבן ע'", דערפאר וואס עס איז פארשטאנדיק בפשטות דערפון וואס מ'האט געלערנט לפנ"ז.

נז. דערמיט ווערט פארענטפערט נאך אן ענין (וואס דארטן ווערט אויך די שאלה פארוואס באווארענט דאס נים רש"י):

אין סיום פרשתנו[230] ווערט דערציילט אז "ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה ותלד לו גו'" - זעקס קינדער.

וואס דאס איז געווען נאך דערויף וואס אברהם איז שוין געווען בן קל"ז שנה, ווארום פון לידת יצחק (ווען אברהם איז געווען "בן מאת שנה") ביז רבקה איז געקומען (וואס דעמולט איז געווען דער "ויוסף אברהם ויקח אשה גו'") זיינען דורכגעגאנגען ל"ז שנה[231].

איז לכאורה אינגאנצן נים פארשטאנדיק:

בשעת יצחק איז געבארן געווארן ווען אברהם איז געווען בן מאת שנה, האט מען דערפון געמאכט א גאנצן שטורעם - "הלבן מאה שנה יולד"; ולאידך, ווען אברהם איז געווען בן קל"ז שנה (37 יאר לאח"ז), האט ער געהאט נאך זעקס קינדער (פון וועלכע מ'האט דערנאך געהאט שוועריקייטן וכו'), און אעפ"כ ווערט דערביי נים דערמאנט אז עס איז געווען אן ענין של נס?!

האט שוין רש"י באווארענט די קושיא דערמיט וואס ער זאגט אז אברהם איז געווען "בן ק' כבן ע'", וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בנוגע צו אברהם איז נים געווען קיין פלא אז ער קען האבן קינדער זייענדיק בן ק' שנה, ועד"ז דערנאך ווען ער איז געווען בן קל"ז שנה,

און דער פלא וואס איז געווען בא לידת יצחק איז - נים מצד אברהם (ווארום ער האט געקענט האבן קינדער), נאר מצד שרה, וויבאלד אז "חדל להיות לשרה אורח כנשים"[232], כנ"ל.

נח. עפ"ז וועט מען פארשטיין נאך אן ענין:

- אויפן -

---

229) פרש"י עה"פ לך טו, ה. 230) כה, א-ב. 231) פרש"י עה"פ תולדות כה, כ. 232) ראה גם רמב"ן עה"פ לך יז, יז.



הנחת הת' בלתי מוגה

אויפן פסוק[233] "היניקה בנים שרה", זאגט רש"י: "ביום המשתה הביאו השרות את בניהן עמהן והניקה אותם, שהיו אומרות לא ילדה שרה אלא אסופי הביאה מן השוק", און דער "היניקה בנים שרה" איז געווען א בירור אז "ילדה שרה" (וואס צוזאמען דערמיט קומט אויך דער חלב מיט וועלכן זי איז מניק).

איז לכאורה ניט פארשטאנדיק:

דער בירור וואס איז געווארן דורך דעם וואס "היניקה בנים שרה", איז נאר אז "ילדה <u>שרה</u>" - פון וואנעט איז אבער די ראי' אז דאס איז <u>אברהם'ס</u> א קינד?!

איז דער ביאור בזה פארשטאנדיק ע"פ האמור לעיל, אז בנוגע צו אברהם אבינו האט מען ניט געדארפט אנקומען צו אן ענין של נס (אויף וועלכן מ'זאל דארפן האבן א בירור), ווארום מ'האט געוואוסט אז אברהם קען האבן קינדער, ווי מ'האט שוין געזעהן אז ביי אים איז געבארן געווארן ישמעאל.

און דעם בירור האט מען געדארפט האבן נאר בנוגע צו שרה, ווארום וויבאלד אז ביי איר האט געדארפט זיין א נס (דערפאר וואס "חדל להיות לשרה אורח כנשים") - האט מען געדארפט אנקומען צום בירור פון "היניקה בנים שרה".

נב. עפ"ז ווערט אויך באווארנט אן ענין אין פרש"י אין פרשת תולדות:

אויפן פסוק[234] "אברהם הוליד את יצחק", זאגט רש"י: "לפי שהיו ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה . . מה עשה הקב"ה צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם, והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק".

איז ניט פארשטאנדיק:

אויפן פסוק "היניקה בנים שרה" זאגט רש"י אז די "<u>שרות</u>" (נשים חשובות) האבן גע'טענה'ט אז "לא ילדה שרה, אלא אסופי הביאה מן השוק" - און אויפן פסוק "אברהם הוליד את יצחק" זאגט רש"י אז "<u>ליצני הדור</u>" האבן געזאגט אז "מאבימלך נתעברה שרה", ד.ה. אז דאס האבן געזאגט מענטשן ווי "ליצני הדור", און ניט קיין אנשים חשובים?!

איז דער ביאור בזה:

וויבאלד אז בנוגע צו שרה איז געווען א דבר פלא אז ביי איר זאל געבארן ווערן א קינד נאך דערויף וואס "חדל

- להיות -

---

233) וירא כא, ז. 234) תולדות שם, יט.

להיות לשרה אורח כנשים", האבן די "שרות" גע׳טענה׳ט אז "לא ילדה שרה, אלא אסופי הביאה מן השוק", און דערפאר האט מען געדארפט אנקומען צו דער הוכחה פון "היניקה בנים שרה".

אבער נאך דערויף וואס מ׳האט שוין געהאט די הוכחה אז "ילדה שרה", האבן אנשים חשובים ניט געטראכט אז "מאבימלך נתעב:ה שרה" (און ניט פון אברהם), ווארום בנוגע צו אברהם איז ניט געווען קיין פלא ווי קען ער האבן קינדער (כנ"ל בארוכה),

עס איז מערניט וואס די "ליצני הדור", וואס זיי איז ניט נוגע דער אמת, זיי ווילן נאר מאכן ליצנות וכיו"ב - זיי האבן געזאגט אז "מאבימלך נתעברה שרה", און אויף צו באווארענען אפילו די "ליצני הדור", האט דער אויבערשטער געמאכט "קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם", וואס דעמולט איז "העידו הכל (אפילו די "ליצני הדור") אברהם הוליד את. יצחק".

ס. דובר אודות המצב באה"ק - ובהמשך לזה אמר:

ויה"ר אז בקרוב ממש זאל מען ניט דארפן רעדן וועגן ענינים בלתי רצויים, און מ׳וועט רעדן מערניט ווי וועגן ענינים פון "מעלין בקודש" -

בדוגמת ההוראה פון ימי חנוכה, אז אע"פ אז בלילה הראשון האט מען אנגעצונדן דעם נר ראשון, און דערמיט האט מען מקיים געווען די מצוה בשלימותה, ביז אין אן אופן פון מהדרין מן המהדרין -

באגנוגנט מען זיך ניט דערמיט, און גלייך אויף מארגן איז מען "מוסיף והולך", און מ׳צינדט אן שתי נרות, און אויף מארגן צינדט מען אן א דריטע ליכטל (אע"פ אז מ׳איז געווארן עלטער און קליגער מערניט ווי מיט אן איין און איינציקן טאג) - וואס דוקא דעמולט איז מען "מהדרין מן המהדרין".

וכמדובר כמ"פ אז דערפון האט מען א הוראה כללית על כל השנה כולה, אז זיין עבודה דארף זיין אין אן אופן פון "מעלין בקודש",

און ניט דערפאר וואס פריער האט געפעלט.אין זיין שלימות (ווי אנדערע ווילן לערנען), נאר אפילו ווען פריער איז זיין הנהגה אויך געווען אין אן אופן פון "מהדרין מן המהדרין".

סא. ויה"ר אז פון נרות חנוכה זאל מען צוקומען צו דער סיבה וואס האט זיי געבראכט - הדלקת נרות המנורה אין

- ביהמ"ק -

ביהמ"ק, מיט "שמן טהור", וואס די התחלה בזה הויבט זיך שוין אן נאך זייענדיק אין גלות - דורך דעם ענין פון הדלקת נר חנוכה, וואס אויף זיי זאגט מען אז הנרות הללו "אינן בטלין לעולם"[235].

וכן תהי' לנו בקרוב ממש, אז יבנה ביהמ"ק במקומו, און דארטן וועט מען אנצינדן די נרות המנורה -

אזוי אז צו ימי חנוכה דשנת תש"מ, הבאים עלינו ועל כל ישראל לטובה, איז צוזאמען מיט הדלקת נרות חנוכה [וואס "אינן בטלין לעולם", אויך לע"ל] וועט מען אויך זעהן דעם "כהן בציון" ווי ער צינדט אן די נרות המנורה אין דעם בית המקדש הנצחי[236],

בביאת משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה.

צוה לנגן לכתחילה אריבער.

* * *

סב. דובר אודות המצב באה"ק - ובהמשך לזה אמר:

עס איז ידוע אז שיטת החסידות איז, אז מ'האלט ניט פון גוזר זיין א תענית על הציבור, כמבואר בארוכה אין אגה"ת[237] אז איצטער דארף ניט זיין דער ענין פון תעניות.

[illegible] אז בשעת א איד וואס דארף לערנען תורה איז זיך עוסק בתעניה, שוואכט דאס אפ זיין התמדה ושקידה אין לימוד התורה;

און אפילו אויב ער זיצט און לערנט די זעלבע צאל שעות און די זעלבע צאל טעג און אין די זעלבע ד' אמות - קומט דאס ניט צו דער הצלחה אין לימוד התורה ווען דער גוף איז ניט רעב וצמא, ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ אין הל' דעות[238], און ווי מ'זעט אויך במוחש (וואס דעמולט דארף מען ניט אנקומען צום פס"ד פון רמב"ם, "קרא למה לי").

דער מצב איז אבער דערגאנגען עד כדי כך, אז אע"פ אז מ'איז ניט בדאי צו גוזר זיין א תעניה על כל היום (מצד כו"כ טעמים), וואלט אבער געווען א דבר נכון אז מ'זאל גוזר זיין א תענית על חצי היום, וואס א תענית לשעות ווערט אויך פארעכנט פאר א תענית, ווי דער אלטער רבי ברענגט אין אגה"ת[239] (פון ירושלמי[240]).

- איך -

------------

235) רמב"ן ר"פ בהעלותך. 236) ראה זח"א כח, א. ח"ג רכא, א. 237) פ"ג (צב, ב). 238) ספ"ג ורפ"ד. 239) שם (צג, א). 240) תענית פ"א ה"ד.